און 200 נ"ק), וואס מען האט זיי אונטערגערוקט אן אנדערן פארפאסער. אויך די אברעוויאטורן, די ראשי־תבות זענען ניט קיין פסעוודאנימען און אייגנטלעכן זינען.

אין דער נייע־העברעישער ליטעראטור זענען פס"נ געווארן א פארשפרייטע זאך ערשט אין 19טן י"ה, מיטן אויפקום פון דער השכלה־באוועגונג.

*

אויך אין דער יידישער ליטעראטור קומען פסעוודאנימען אויף דערהויפט אין דער השכלה־עפאכע. אין דער עלטערער יידישער ליטעראטור האבן מיר מער צו טון מיט אנאנימען.

אין די ערשטע יידישע צייטשריפטן, „דער בעאבאכטער אן דער ווייכסעל" פון אנטאני אייזענבוים, ווארשע 1823—24, און „צייטונג" פון אברהם מענדל מאהר, לעמבערג 1848—49, געפינען מיר ניט קיין שום פסעוודאנימען; די דאזיקע עלטער־באבעס פון דער יידישער פרעסע האבן בכלל, ווייזט אויס, ניט געהאט קיין שום זייטיקע מיט־ארבעטער. ערשט אין „קול מבשר", דער ערשטער אמת יידישער צייטונג (אדעס 1862—72), וואס האט גרופירט ארום זיך א היפשן טייל פון דער יידישער פאלקס־אינטעליגענץ דער משכילישער, ווייזן זיך שוין א ריי פסעוודאנימען, דאס רוב ארויסגערופן דורך דעם ווונטש פון די מחברים ניט ארויסצוטרעטן אפן אין דעם קאמף קעגן די חסידים. אייניקע פון זיי לאזן זיך איצטער שוין שווערלעך אדער גארניט דעשיפרירן, ווי א. ט—ב, ח..., הערשעלע קבצן (פעליעטאן „נאשלא קאסא נא קאמיען" 1868, 6), החסיד יצחק גר (אנטיחסידישע פעליעטאנען און משלים 1869, 33, 47), ב. מ. („א דאקטאר אדער א רבי" — דערציילונג 1864, 40 א"ו, אפשר משה ישכר בער, איבערזעצער פון דייטש־יידישע נאוועלעס), אלוף פינון („סצענעס אין קליזל"), סלוצקער חסיד („גח בעל־תשובה מיט ר' ליב משכיל", סוף 1866, 48), פייהל געציל מרדך, ש—א—ק (לאכט אויס די נייע דייטש־מערישע טייטשווערטער ביים לערנען תנך, 1869 ז' 421), אליעזר בן אפסי מציק מאן (א. ב. ו.) אפ"א.

די פיאנירן פון דער נייער יידישער ליטעראטור, אחוץ דעם אנאנימען מחבר פון דער קאמעדיע „די גענארטע וועלט",* טרעטן אויף אונטער זייערע אמתע נעמען, ווי חייקל הורוויץ, יוסף וויטלין (דער אויטאר פון דעם פאריידישטן „ראבינזאן קרוזא"), שלמה עטינגער, ישראל אקסענפעלד.

דער ערשטער יידישער שרייבער, וואס ניצט ברייט פסעוודאנימען, איז אייזיק־מאיר דיק, וועלכער איז אגב טאקע געווען דער ערשטער פראפעסיאנעלער שרייבער אין יידיש. דאס רוב פס"נ זיינע זיינען אבער הייתן געבליבן אומבאקאנט (הייל אויך אין מיין לעקסיקאן האב איך נאך זיי ניט געהאט פארצייכנט, נאך ניט געקענט de visu דאס רוב ווערק פון דעם ערשטן פעריאד פון א. מ. דיקס ליטעראַרישער טעטיקייט).

* אויך דער מחבר פון דעם „טעיאטאר פון חסידים" באהאלט זיך אונטער אן אקראסטיך, וואס מ. עריק האט אויפגעדעקט ווי אפרים פישעלזאן.



דיקס פאפולערסטער פסעוודאנים — אמ"ד (די ראשי־תבות פון זיין ערשטן טאפלנאמען און פון זיין פאמיליע־נאמען, פארצייכנט ביי הייתן) ווייזט זיך אויף זיינע ביכלעך ערשט נאך דעם ווי ער האט שוין פארעפנטלעכט א גאנצע ריי דערציילונגען אדער אנאנים* אדער אונטער פסעוודאנימען, סתם ארויסגעטראכטע נעמען אדער די נעמען פון זיינע ארויסגעבערס.

איש אמ"ד (און ניט איש אמיד, ווי ס'איז פארצייכנט ביי הייתן אונטער 607 און ניט דעשיפרירט) אויף דער באארבעטונג פון ערטערס „גלגול" ווארשע 1867 איז, ווייזט אויס, דאס ערשטע מאל, וואס אייזיק־מאיר דיק חתמעט זיך מיט זיין שפעטער אזוי פאפולער געווארענעם פסעוודאנים אמ"ד. אין דעם ערשטן פעריאד פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, ווען ער דרוקט זיינע ביכלעך דאס רוב אין ווארשע, ניצט ער דעם פסעוודאנים ז' ה' שפירא פאר די ארויסגאבעס פון א. קלייף, למשל: אויף זיין בארימטער דערציילונג „הייציקל אליין", דעם דאזיקן גלאנצפולן אנהייב פון דער יידישער הומאריסטישער נאוועלע (ווארשע 1856: נעתק ונאסף ע"י ז' ה' שפירא)**. אזוי חתמעט ער אויך: „פחד בלילה די שרעקן פון די נאכט הושענא רבא" 1858, „דער פרוש פון באַרדיטשוב" 1856. אויף א ריי אנדערע ביכלעך קומט י. שפירא, למשל: „דיא טויטע האנד", „דער יורד", „ר' מנחם דר שווארץ וואלדר", דיא געדולד", „המתעלף", „דיא העמדל", „דיא גלאקענשטוב אין דער שטאט באגדאד"—אלע געדרוקט ביי ל. לעבענסאן, ווארשע 1855, און נאך „דיא פרידליכען ברידער", א. קלייף 1856, איז געחתמעט אזוי. אויף „דער פרומער ותרצה" (א. קלייף 1856) איז שוין ביי שפירא דער פארנאמען גאר א ה' און ביים איבערדרוק פון „דער פרוש פון בערדיטשוב" ווארשע 1864 באנוצט ער זיך נאר מיט די איניציאלן פון זיין ארויסגעטראכטן נאמען: נעתק ונאסף ע"י י' ש'. מיט דעם פס"נ י. שפירא מיטן צונאב מחשבי ווילנא חתמעט ער נאך די „דברי המעתיק" אויפן „ספר מסלת ישרים", ווילנע דרוק ראם תר"כ (א פריערדיקע ארויסגאבע פון אן אנדערער איבערזעצונג, אבער אויך, ווייזט אויס, א. מ. דיקס, איז ארויס אין ווארשע 1855, צענזורירט דעם 26סטן מארץ 1854). שפעטער קלייבט ער זיך שוין צו אנדערע קריפטאנימען, ווי אברהם אבא ק"ב—אויף די ביכלעך: „ספורי כבוד אב", ווילנע דרוק פין 1863, „סיפורי אבארבאנעל", ווילנע דרוק משה יואל טיפאגראף תרכ"ג, „איינע דויבער געשיכטע", ווילנע דרוק אברהם יצחק דוואַרזשעץ 1864***.

* אנאנים זיינען ארויס א ריי פאפולערסטע זאכן דיקס, ווי למשל „שמאיע דער גוט יום טוב ביטער" 1860, „דיא שטיפמוטער" ווארשע 1858 „דיא פיר יורשים"—דער גרויסער הומאריסטישער ראמאן דיקס, ווילנע ראם תרכ"ו, א"א.

** א צווייטע אויסגאבע פון „חייציקל אליין", אין א געענדערטן און שטארק פארברייטערטן נוסח, איז אויך ארויס אין ווארשע, תרכ"ד—1864 (צענזורירט אין ווילנע, מיט א צושריפט צום סוף: נעתק ונאסף ע"י יה' ש'); פון דער דאזיקער אויסגאבע 1864 איז, ווייזט אויס, אן איבער־דרוק די דריטע אויסגאבע, תרמ"ז, ווילנע, י"ל מ"ק, מאת א. מ. דיק, מיט דער צושריפט אויף דער צווייטער ז' פון שער־בלאט: Издане второе, съ Варшавскаго изданія 1864.

*** אין דער הקדמה „אל הקורא" צו דעם ביכל „סיפורי ארץ הקדושה דאש הייסט ערצייה־לונג פון דער הייליגע לאנד א"י" (דרוק משה יואל טיפאגראף, ווילנע תרכ"ד ז' 88), ווארנט ער די לייענערס ניט אויסצוניצן זיין ארבעט און ניט איבערדרוקן עס, ווי עס האבן זיך דערלויבט די

1938 XIII יובל

מיט M. M-н חתמעט א. מ. דיק זײַן באַרימטע דערציילונג „יעקעלע גאָלד־שלעגער" וואַרשע 1859, זז׳ 46 (ווײַזט אויס — די איניציאַלן פֿון דעם וואַרשעווער מוכר־ספֿרים מענדל מענדלזאָהן, וואָס בײַ אים איז געווען צו באַקומען „דיזע מעשׂיות"). א״פ ארש״ק האָט דיק אַרויסגעגעבן זײַן אויסגעצייכנט ביכל פֿול מיט פֿאָלקלאָר, מיט ווריצן איבער ישובֿניקעס עם־הארצים, „דער ישובֿניק", ווילנע דרוק א. י. דוואָרזשעץ 1867.

אויף טייל זײַנע ביכלעך ווערט אָנגעגעבן אין דעם רוסישן טיטלטעקסט דער אַרויסגעבער פֿאַר דעם מחבר, ווי אויף „ספֿר הדרת זקנים" ווילנע תרכ״ד — С. Ціонсон, אויף „דברי יושר" ווילנע דרוק פֿין־ראָזענקראַנץ 1863 — соч. Ш. Ціонсона (ציונסאָן איז דער נאָמען פֿון איינעם פֿון די דרײַ ברידער דרוקערס ראָזענקראַנץ — שריפֿטזעצער — ציונסאָן). אויף „דיא פֿרויען אָדער דער טוידעס־ענגיל (מלאך המות) אין שפּאַן דער עהע (הייזליכען לעבען)", וואַרשע תרל״ב — соч. И. Копелевича (דער נאָמען פֿון דעם דענעבאָרגער בוכהענדלער).

אַ ריי ביכלעך האָט ער אויך אַרויסגעגעבן א״פ יחזקאל מ״ס, ווי: „איין שיינע און ריכטיקע בעשרײַבונג פֿון ארץ ישראל" ווילנע דרוק פֿין־ראָזענקראַנץ 1864 (אויף דער לעצטער ז׳ 56: נעתק ע״י ר׳ יחזקאל מ״ס מווילנא), „עבֿתי צבֿי" ווילנע דרוק משה יואל טיפּאָגראַף 1864, „מכּת מצרים" ווילנע דרוק ראָזענקראַנץ תרכ״ד (בײַ ראָמען איז דאָס איינציקע ביכל אַרויס אַנאָנים).

משמעות, אַז דיק האָט זיך אַרויסגעבאַהאַלטן אונטער די אַלע אויסגעטראַכטע נעמען, ווײַל ער איז געווען געבונדן דורך אַן אָפּמאַך מיט דער ראָם־דרוקערײַ.

* * *

כּמעט גלײַכצײַטיק און אפֿשר נאָך פֿריִער ווי דער פּס״נ אמ״ד ווײַזט זיך דער פּס״נ פֿון דעם באַשעפֿער פֿון דער נײַער יידישער ליטעראַטור מענדעלע מוכר ספֿרים (וואָס זײַן ערשטלינג ווערק אין יידיש „דאָס קליינע מענטשעלע" 1864 איז אויך געחתמעט מיט פּס״נ א י ש, זע חיוה 431). אויך דער צווייטער גרויסער קלאַסיקער פֿון דער יידישער ליטעראַטור שלום־עליכם איז באַרימט נאָר אונטער דעם פּס״נ. אין דער שפּעטערדיקער תּקופֿה האָבן מיר ניט ווייניק חשובֿע פֿאָרשטייער פֿון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע, וואָס זײַנען דעם עולם מער באַקאַנט אונטער זייערע פּס״נ ווי אויף זייערע אמתע נעמען (א. ליעסין, יהואש, בעל־מחשבֿות, מ. בערשאַדסקי, ש. ניגער, ז. י. אנכי, יוסף אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק, משה נאַדיר א. לעיעלעס אאז״וו).

לעמבערגער דרוקערס, וואָס האָבן אָן דערלויבעניש איבער־געדרוקט דעם חיבור „טויט שרעקענס" הנפֿלא פֿון זײַן ברודער דעם משכּיל דוד קב נ״י, און שרײַבט זיך אונטער אברהם אבא ק״ב. אויך אין דעם המשך „ספֿר קורות ירושלים דאַש הייסט טרעפֿענונגען פֿון דיא שטאָט ירושלים", ראָם 1862 זז׳ 188, איז דאָ אַ ענלעכע ווענדונג צום לעזער געחתמעט אברהם אבא ק״ב.

* צי באַהאַלט זיך אויך א. מ. דיק אונטער די איניציאַלן א. מ., דעם מחבר פֿון די מעשׂה־ביכלעך „אַ שיינע געשיכטע פֿון דעם גרימיגן ריטער יאָזעף דער שיינער" וואַרשע תרל״ח זז׳ 39, „אַ שיינע געשיכטע ווי אַ לייב האָט אַרויסגעגעבט אַ קליינעם פּרינץ" וואַרשע 1878, „אַ שיינע געשיכטע פֿון דרײַא פּרינצעסין וואָס זיא זיינען פֿאַר שאַלטין געוואָרין פֿון איין מכשף" וואַרשע תרל״ט זז׳ 20 (ווײַזט אויס — אַן איבערזעצונג פֿון רוסיש) — האָב איך אין דעם איצטיקן מאָמענט ניט געקענט פֿעסטשטעלן.



אויך דאָס רובֿ אַנדערע באַרימטע יידישע שרײַבערס האָבן זיך אָפֿט באַנוצט מיט פּס״נ, אפֿשר מיטן אויסנעם פֿון שלום אַש, י. מ. ווײַסענבערג. אבֿרהם רייזען האָט זײַנע קריטישע אַרטיקלען אַ צײַט געדרוקט א״פ בן־קלמן, ניט רעכענענדיק אַ פּאָר לידער וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט א״פ א. קוידאַנאָווסקי א״אַ.

* * *

קודם־כּל עטלעכע תּיקונים און באַמערקונגען צו די פּס״נ, וואָס זײַנען יאָ אַרײַן אין שאול חיותס לעקסיקאָן, אין דעם סדר פֿון די לויפֿיקע נומערן, וואָס אונטער זיי שטייען די פּס״נ:

19 א. א. ק״ב — דער מחבר פֿון „סיפּורי חכמי יון" ווילנע תרכ״ד, זאָל זײַן, לויט דעם קאַטאַלאָג פֿון דער אָדעסער ביבליאָטעק פֿון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע א. א. קיניגסבערג; באמת איז עס איינער פֿון די פּס״נ פֿון אײַזיק מאיר דיק (זע פֿריִער).

אַ באַהעלטענער ייִד — איז יצחק פּערקאָוו, ניט פּעקאָוו.

45 אב״א מווילנא („דער פּוימאַניק, אָדער ניט געזוכט און פֿאָרט געפֿונען" זשיטאָמיר תרל״ד, ווײַזט אויס — אידענטיש מיט „ויבֿרח יעקבֿ אודר וויא יעקבֿ איז אַנטלאָפֿען" וואַרשע תרמ״ד, און מיט דעם איבערדרוק „געמאַכט די פּליטה אָדער ויבֿרח יעקבֿ... אַ שיינע הערליכע געשיכטע, אונ דער צוא נאָך איין אמת׳ע, פֿון דעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד" ווילנע תרנ״ז) — ראובֿן אשר ברוידעס (לעקסיקאָן I 412).

110 אב״ר עפּשטיין — זײַן ביכעלע לידער „דער קהלישער שרײַבער" (דער־מאָנט אין לעקסיקאָן II) איז אַרויס אין ווילנע, פֿאַרשטייט זיך — אין 1876, ניט 1676.

185 אבֿרהם אבֿינוס איניקל („נײַע יידישע פֿאָלק׳ס לידער מן המצר" וואַרשע 1899) — דער פֿאַרלעגער נפֿתלי בן אבֿרהם משכּיל־לאיתן.

196 אבֿרד („חתן־כּלה־בריף" וואַרשע תרצ״א) — בעריש אײַערבאַך?

411 אי״ס („דער קליינער קאַטערזניק אָדער פֿאַלשער יודיש" ווילנע תרמ״ח, לויט דעם רוסישן טיטלטעקסט — א. בן י. סאַפּיר) — איז דער פּס״נ פֿון חיים יעקבֿ קרעמער, מחבר פֿון ראָמאַן „חטאת הקהל אָדער דיא שיינע דרעזעלע" ווילנע 1870 (שפּעטער אַ סך מאָל איבערגעדרוקט) און פֿון חובֿבֿי־ציוניסטע חיבורים אין העבעריִש, ווי „דרוש לציון" א״אַ (מיטטיילונג פֿון זײַן זון ד״ר קרעמער, אָטוואָצק).

474 איש ישראל — יונה שפּיוואַק, אין יידיש — יונה ספּיוואַק.

491 איש עבֿרי (= יוסף קלויזנער) — איז ניט דער מחבר פֿון דעם אַרטיקל „די דרײַ מײַסטער פֿון דער יידישער ליטעראַטור" אין „אַרבעטער־לוח" 1920, נאָר ד. א. (= דוד איינהאָרן).

519 א. ל. — חיים יעקבֿ העלפֿאַנד (א. ליטוואַק) האָט שוין געשריבן אונטער דעם אַ פּס״נ אין „פֿרײַנד" 1909, ווען ער האָט די צײַטונג רעדאַקטירט.

556 אלישבֿע — מיידלשער נאָמען פֿון דער דיכטערין יעליזאַוועטאַ זשיר־קאָוואַ, ניט ציר־קאָווע.

593 אל״ק („אוצר מכתבֿים" אין העברעיִש און יידיש) — ניט אבֿרהם לייב קאַטערזינסקי, נאָר אהרן אליעזר קאַפּעזינסקי.

616 א. מ׳ן („מענדעלע מוכר ספרים״ אין לעמבערגער „דער מאָרגען״ פֿון 17טן דעצ׳ 1927)—מן החתם פּישל וויטקאָווער (אימן).

641 א. מ. ש. — דער איבערזעצער פֿון נתן נטע סאַמועליס דערציילונג „נאָר ניט אידעש אָדער דאָס חנוכה ליכט בענטשין״, ווילנע 1887, זז׳ 37—איז ס. [ש.] מ. אָסטראָווסקי, דער מחבר פֿון: „דיא פֿארבאָטענע ליבע אָדער דיא אידען אין היספּאַניען—איבער זעצט פֿאַן דייטש פֿאַן מיר א. ש., ווארשע 1877; „דער חליף אויפֿין האלז״ — פֿון אמ״ש, ווארשע 1885; „דיא פֿארליבטע רבצין, ראָמאַן פֿערפֿאַסט פֿון בראנדשטעטער איבער זעצט דורך אמ״ש״, ווילנע 1889; „דער שרעקלעכער חלום, אַ שיינע ערצעהלונג פֿון ד. בראַנדשטעטער״ (אין דעם איבערדרוק 1923, ראָזענקראַנץ—שריפֿטזעצער ווילנע, איז שוין דער איבערזעצער אמ״ש ניט אָנגעגעבן); „דאָס פֿריילּיכע הערשעלע אָסטראָפּאָליער״, ווארשע 1895. זיין „דער מאַסקעראַדין באַל, אַסאַטירישע פּאָעמע אין פֿערזען פֿערפֿאַסט פֿאָן אמ״ש״, ווארשע 1884, זז׳ 136, איז אייסנעלאַכט פֿון שלום-עליכמען אין אַ רעצענזיע אין זיין „יודישער פֿאָלקס-ביבליאָטהעק״ I.

678 אַ נ מ אַ ן פּ.—ד״ר פּאַוועל ראָזענטאַל—אַנגאַס מאַן.

679 אַ נ – ס ק י ש.—אויף זיין מוטערס נאָמען חנה. (זע ז. רייזענס ביאָגראַפֿיע פֿון ש. אַנ—סקי אין מ. שאַליטס „לעבן״).

844 ב אַ ר אַ נ אָ ו מ.—דער באַרימטער סאָציאַליסטישער שרייבער משה גאָרמידאָר (זע לעקסיקאָן I) איז געבוירן אין זשיטאָמיר, דעריבער פֿאַלט אָפּ חיותעס השערה, אַז דער פּס״נ ב׳ האָט אַ שייכות צו זיין געבוירנס-אָרט.

982 ב נ א ר י נ. — נחום בראָדסקי, איז אויך דער מחבר פֿון אַ ריי יידישע בראָשורן פֿון פּ״צ-פֿאַרלאַג „באַפֿרייונג״.

992 ב ן ב ר כ א ל — שלמה קאַפּלאַנסקי, אונטער דעם פּס״נ אויך אַ ביכל אין יידיש „ד״ר בנימין טהעאָדאָר הערצל״ פּ׳ „ציון״ ווין תרס״ה.

1122 ב ן - נ ק – בנציון נאָוואַכאָוויטש (מאָריס ווינטשעווסקי). אָבער ש מ ח ה ב ו נ ם ב ן - נ ״ ק („דאָס גן-עדן התחתון״, ניו-יאָרק 1896, מיט אַ פֿאַלשן שער—צו מיסטיפֿיצירן די צאַרישע צענזור – ווארשע 1875) — בנימין פֿייגענבוים.

1185 ב ן ש מ ו א ל — שלמה עדעלהייט, ניט עדעלהיים.

1228 ב ע נ ע ד י ק ט ל ע אָ פּ אָ ל ד—דער ענגלישער נאָמען פֿון בנציון נאָוואַכאָוויטש (מאָריס ווינטשעווסקי).

1230 ב ע ס א ר א ב ע ר — פּס״נ פֿין הערש גודעלמאַן, ניט פֿון הירש גאָדלמאַן.

1251 ב ע ר ע ד ס ק י א ל י מ ל ך — (אלימלך וועקסלער). זיין אמתער פֿאַמיליע-נאָמען איז געווען בעזרעדקאַ (ווי עס הייסט אויך זיין זון, דער באַרימטער פֿראַנצייזישער באַקטעריאָלאָג און ערן-פּרעזידענט פֿון אָזע).

1284 ב ר - ג ו ג נ י ק — מאָריס ווינטשעווסקי?

1298 ד ״ ר ב ר ו ך ב ן צ י ו ן („ארח צדקה״, אָדעס תרל״ו)—איז ניט קיין פּס״נ פֿון משה לייב ליליענבלום, נאָר דער אמתער נאָמען פֿון דעם מיסיאָנער, דראַמאַטורג, אַנאַרכיסט (זע לעקסיקאָן I).



1413 ג ו ט מ אַ ן י ש ע י ה (מחבר פֿון די דריי דראַמעס „די דריי שוועסטער-קינדער״, „מאָנדריש״, „דער כּל-בוניק״, אין „ארכיוו פֿאַר דער געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער און דראַמע״ א״ר פֿון ד״ר יעקבֿ שאַצקי, פֿ׳ ייוואָ ווילנע 1930) איז ניט קיין פּס״נ פֿון ישעיה מאיר פֿינקעלשטיין, נאָר דער אמתער נאָמען (זע י. ציזבערג אין „ייוואָ-בלעטער״ ב׳XI).

1414 ג ו ט מ אָ ר ג ע ן (אין „יוד״)—איז ניט א. ל. לעווינסקי, נאָר מרדכי בן הלל הכהן, ווי עס שטייט בפֿירוש אין מיין לעקסיקאָן II ז׳ 11 (אונטער דעם פּסעוודאָנים האָט מרדכי בן הלל הכהן אָנגעהויבן צו שרייבן פֿעליעטאָנען אין „יוד״, ווען שלום-עליכם האָט פֿאַרלאָזט די צייטשריפֿט מחמת אַ סיכסוך וועגן האָנאָראַר).

1424 ד אָ ן ק י כ אָ ט—וויליאַם מילער (ח. אַלעקסאַנדראָוו), ניט דאָן קעכאָט.

1429 ג. ח. ל. (אָדער גח״ל) — גרשון חיים לעווינער, ניט נאָר מיטאַרבעטער פֿון „חמליץ״, „הצפֿירה״ „חמגיד״, נאָר אויך פֿאַרפֿאַסער פֿון אַ מאַסע יידישע ביכלעך (זע לעקסיקאָן II).

1455 נ מ ז ו—ניט קיין פּס״נ פֿון י. ל. פּרץ, נאָר דער אמתער נאָמען פֿון העברעיִשן (טיילווייז אויך יידישן) שרייבער יהודה לייב נמזו.

1477, 1478 ג ר—איז דער פּס״נ ניט נאָר פֿון ישׂראל סאָסיס און י. ח. ברענער, נאָר אויך פֿון בנציון כ״ץ.

1482 ג ר ד ל מ ך א נ י—אַנאַגראַם פֿון מיכל גאָרדאָן, אונטער וועלכן אויך אַרויסגעגעבן זיין ערשט ביכל לידער „דיא באָרד און דערצו נאך אַנדערע שיינע אידישע לידער, אַלע פֿון אַ „גרוויסן חסיד״ זשיטאָמיר תרכ״ט ז׳ 96 — איצט די גרעסטע ביבליאָגראַפֿישע זעלטנהייט.

1595 ד י נ נ אָ ל, ס. — די השערה, אַז ס׳איז אַ פּס״נ פֿון ג אָ ל ד י ן, איז אַ ריכטיקע.

1876 ז י אַ מ אַ („בריעף צו ארבייטער וועגן פּראָלעטארישען ציוניזם״ א״אַ)—ז. אָסטראָווסקי.

1990 ח ו ג ׳ה מ ו ס ה—משה סמיליאַנסקי, האָט זיינע דערציילונגען פֿון אַראַבישן לעבן געדרוקט נאָך אין „יודישן פֿאָלק״ ווילנע 1906—8.

2063 ח ן - ט ו ב — צבֿי הירש עדלמאַן. איז אויך כּדאַי צו פֿאַרצייכענען: חן-טובֿ — רייצע עדלמאַן, האָט געלעבט אין ירושלים זינט די 60ער יאָרן פֿון פֿאָריקן י״ח, פֿאַרפֿאַסט עטלעכע מוסר-ספֿרימלעך אויף עבֿרי-טייטש, צ״אַ דאָס ספֿרל „משפחת יוחסין, כולל דברים נמרצים בשבח ומעלת היושבים בארץ הקדושה״ (צום סוף פֿון דעם ספֿרל שרייבט זי: „דאָס האָב איך ניקאַנצעט שרייבען בחדש מנחם אב שנת תרמ״ד״). — (אינפֿאָרמאַציע פֿון ש. ערנסט, תל-אָבֿיבֿ).

2329 י. וו. ש. — (ליד אין „קול מבֿשׂר״ 1862) ווייזט אויס — יוסף בר׳ יצחק ווייַנשטיין (דעם מחבר פֿון דעם אינטערעסאַנטן השׂכּלה-בוך „אַלט און נייא אָדער דור הולך ודור בא... איין אמתע מעשה וואָס קענן זיך תמיד טרעפֿען. מיט אַ וואָרט צו דיא לעזער פֿון זייער איין אַלטען בעקאַנטען — א. ב. גאָטלאָבער״, אָדעס 1867, ז׳ III+52), אָבער זיכער איז דאָס ניט.

2253 ידידיה אחבֿ־עמו („רעב שלום", ניט „רעב בשלום" אאז"ח) — יעקבֿ פרילוקער (ווי ער ברענגט עס אַגבֿ אין זײַנע אויטאָביאָגראַפֿישע הקדמות צו זײַנע ביכער אין ענגליש, למשל אין Russian Flashlights לאָנדאָן 1911 ז' 3).

2589 י'ק'ר — דער פּס"נ פֿון קלמן רייזען (אין „המליץ", מחבר פֿון דער זאַמלונג שירים „יונה הומיה" באַרדיטשעוו תרנ"ד) — איז ניט דער ברודער פֿון אַבֿרהם און שׂרה רייזען, נאָר זייער פֿאָטער.

2621 י. ש. („חובת נשים", קיניגסבערג תרכ"א) — יקותיאל שפּירא מווילנע (לויט זײַן החתימה אויפֿן שטר מכירה צום סוף „ס' חובת נשים" וואַרשע תרל"ג) — אָבער דאָס איז אַ פּס"נ פֿון אײַזיק מאיר דיק. (זע אויך פֿריִער).

2700 כמורנער — איז יוסף לעשטשינסקיס פּאָפּולערער פּסעוודאָנים, ניט כמורני.

2776 לב עברי — יהודה לייב קאַנטאָר, ניט נאָר אין „המליץ", נאָר אויך אין „יודישן פֿאָלק" ווילנע 1907 (למשל, דער פֿעליעטאָן „דער אייביקער ערבֿ פּסח").

2782 ל"ר („דער סדר פֿון דער מלוכה אין ענגלאַנד" פֿאָדגורזע תרס"ו) — ד"ר לאַזאַר וויגאָדסקי, דער אָנפֿירער פֿון דעם פֿאַרלאַג „קולטור" מינסק 1905—6.

2829 ליידיק ה. („דער גולם" א"אַ) — איז ניט משה לייב האַלפּערן, נאָר לייזיק האַלפּערן (טאָקע צום אונטערשייד פֿון משה לייבן האָט ער אָנגענומען דעם פּס"נ ליידיק).

2838 לינדער נ. ב. — נתן בלינדער, ניט לינדער (זע לעקסיקאָן I 306).

2961 ח' מאַנטשי — פּס"נ פֿון יעקבֿ באָטאָשאַנסקי, ניט באָטאָשינסקי.

3110 מי („דער בונד און דער פּועלי־ציוניזם" קראָקע ת"ר) — ניט יעקבֿ קענער, נאָר מ. יאַרבלום (מיטטיילונג פֿון יעקבֿ קענער).

3143 מיללער לואיס ע. — ל. באַנדעס, ניט באַנדרע.

3154 מיראָזיעמעק — פּס"נ פֿון צבֿי פֿרידלאַנד, האָט חיות ניט דערקלערט משמעות מחמת אומקענטעניש אין רוסיש, אין וועלכער שפּראַך מיראָזיעמעק איז טײַטש פֿרידלאַנד.

3239 — דער אויפֿטוײַז פֿאַר דעם פּס"נ מעפֿיסטאָפֿעל פֿון מאיר שאַפּיראָ אין ז. רייזענס לעקסיקאָן IV, ניט I.

3280 — „די אידישע צייטונג", ווו מ. ר. (מ. רעגאַלסקי) איז איינער פֿון די הויפּט־מיטאַרבעטער, דערשײַנט ניט אין נ"י, נאָר אין בוענאָס־אײַרעס.

3294 פֿריידל — סאָסאָנקין־טשאַרני (האָט דעבוטירט און זיך צום מערסטן געדרוקט אין „ווילנער טאָג"; געשט' 1938).

3299 ר' מרדכילע — דער פּס"נ פֿון חיים טשעמערינסקי איז אַן אָנצוהערעניש אויף זײַן געבוירן־אָרט מאָטעלע.

3377 נאַמערף — ניט שמעון פֿרעמאַן, נאָר סיימאָן פֿרימאַן.

3633 עזרא הסופר — אליעזר כתבֿן, אויך אין „חויעך" א"אַ ידישע אויס־גאַבעס פֿון רומעניע.



3768 דער פּוילישער ליטוואַק — ניט נאָר דער פּס"נ פֿון ל. גאָטליב, נאָר אויך פֿון מאיר צבֿי זאַקהיים (אין בריוו „שולמית", „טעלעפֿאָן", „פּיפּיפֿאָקס" א"אַ לאָנדאָנער אויסגאַבעס סוף 19טן י"ה).

3829 פּלאי — דערקלערט שאול חיות (איציק) יצחק לייבוש פּרץ), מ. וואַקסער אין פּרץ־בוך פֿון די יִוואָ־בלעטער ז' 210, לייענענדיק פֿון לינקס צו רעכטס: יצחק אריה לייבוש פּרץ.

3832 פּלאי גל (די מחברים פֿון „ספּורים בשיר", וואַרשע תרל"ז) — איז דאָך ניט נאָר גבֿריאל ליכטענפֿעלד (גל), נאָר אויך י. ל. פּרץ זײַן איידעם (פּלאי); דערפֿאַר איז אַ טעות צוצושרײַבן דעם גאַנצן פּס"נ ליכטענפֿעלדן. (זע נחמן מײַזיל אין פּיל' שריפֿטן III 889, מ. וואַקסער אין פּרץ־בוך פֿון די יִוואָ־בלעטער).

3912 פּראָלעטאַרישער מגיד — דער באַקאַנטער פּס"נ פֿון אב. קאַהאַן איז פּראָלעטאַרישקער מגיד.

3927 פֿריידעס ש. (אין „פֿרײַנד") — שאול גינזבורג, אויפֿן נאָמען פֿון זײַן מוטער, דער באַוווּסטער אינדוסטריעלערין אין מינסק פֿריידל גינזבורג.

3933 פּריבעגאַנריאָן — ניט פּריקעאַגר (= יצחק לאַזאַראָוויטש).

4014 צלצ"ל איש באָטושאַני (אַ לאַנגע צײַט רעדאַקטירט דעם „חויעך" בוקאַרעשט) — צבֿי הירש יוסף (יוספֿזאָן?) — לויט ש"ס־ראָמאַן אין די פּיל' שריפֿטן פֿון יִודאָ III; אָבער לויט פּינחס ברוינשטיין — צבֿי לייבאָוויטש (זע אויך א. ר. מלאכי, פּנקס פֿון אַמאָפּטיל II 84—85).

4029 י. ב. צפּור — יצחק שטערמאַן, ניט שטערקמאַן.

4064 אב. קאַספּע — איז ניט קיין פּס"נ (דעם דאָזיקן טעות האָב איך פֿאַר־ריכט אין די „ליטעראַרישע בלעטער" 1929, 35).

4125 ק—ל ד. — מחבר פֿון דעם ביאָגראַפֿישן אַרטיקל צו מעדעמס בוך „זכרונות און אַרטיקלען" איז דוד קאַסעל.

4128 ר' קלונימוס — דער איבערזעצער פֿון יעקבֿ גאָרדינס „האלהים, האדם והשטן" און „אלישע בן אבֿויה" איז קדיש י. סילמאַן.

4196 לעאָן ראַבינאָוויטש — ניט קיין פּס"נ פֿון זלמן עפּשטיין, נאָר דער נאָמען פֿון רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פֿון „טאָג" פּט"ב 1904, ווו זלמן עפּשטיין איז געווען אַ מיטאַרבעטער (זע לעקסיקאָן II 796).

4613 ש. ב. — לויט השערות פֿון ווילנער אַרויסגעבער האָב איך אַלע מעשׂה־ביכלעך אונטער אָט די איניציאַלן צוגעשריבן שמעון בעקערמאַנען (זע לעקסיקאָן I), אָבער חיים ליבערמאַן וואַרשע, האָט מיך אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס איז ש. ביקסאָן, ווי עס איז צו זען פֿון דעם רוסישן טיטלטעקסט אויף דעם מעשׂה־ביכל: די כלה חלשט. זייער אַ וויכטיקע געשיכטע מיט אַ ראָמאַן וועלכע די לעזער וועלן פֿול פֿערגעניגען האָבען פֿון ש. ב. (פּאָפּולאַרע שזאַרנאָן ביבליאָטהעק, פֿערלאַג ל. עפּעל, פּ. גאַרבער ווילנע, זז' 32).

4734 שײַקעוויטש בן שמ״ר („מאַליאַטער נגב״, ווילנע 1885)—די השערה, אַז ס׳איז אַבֿרהם שאָמער האָט פֿאַרשטייט זיך קיין שום גרונט ניט, שוין בלויז דערפֿאַר וואָס אַבֿרהם ש׳ איז אין יאָר 1885 געווען אַלט 9 יאָר.

4794 (אנ״י) שלשום בר יענטע — פּס״נ ניט פֿון ד״ר יהודה לײב קאַנטאָר און ניט פֿון ישׂראל בערנשטיין, נאָר פֿון שמואל בערנשטיין (זע לעקסיקאָן I 378).

4821 שמ״י אבֿ״ן („שירי עם״ אין יידיש, ווילנע תרס״א. „שירי שם, נאַציאָנאַלע לידער אין זשאַרגאָן״? — „דיא גענעראַלשע. אַ ריהרענדע, אינטערעסאַנטע ערצעהלונג איבערזעצט פֿון רוסיש״, נ. פּרושאַנסקי, ווילנע 1902, מיט אַ געגראַמטער חספּד-דעדיקאַציע, פֿון וועלכער מען ווערט געוואָר דעם מחברס נאָמען)—ווײַנשטיין (אַנאָנסירט אויך: „דער פּאַפּסט אלחנן״; „יענקעלע יחזק, באַראָן פֿאָן בראָד; אַ פֿאַרשלעפּטע מעשׂה, וויא ער איז מגולגל געוואָרן אַזש אין אלף השישי״.

4876 שעלוב לאה — אַלטער עפּשטיין—א״נ פֿון זײַן פֿרוי לאה שעלובסקי.

4973 תּנין — משה מיכל קיטאַי (פֿעלט די דערקלערונג, אַז תּנין—איז וואַלפֿיש, אויף רוסיש „קיט״).

5007 Gamma — משה גלעמבאָצקי (אויך אין „דער יידישער וואָך״).

5073 300 — יחיאל מיכל פּינעס, איז די גמטריא פֿון מיכל פּינס.

* * *

ווײַטער וועל איך פֿאַרצייכענען די פּס״נ, וואָס פֿעלן אין שאול חיותעס לעקסיקאָן, פֿאַרשטייט זיך—מיט דער באַוואָרעניש, אַז דערמיט איז ווײַט ניט אויסגעשעפּט די צונאָבֿ-רשימה צו דעם „אוצר בדויי השם״ ניט נאָר פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור (וואָס איך לאָז בדרך כּלל דורך), נאָר אַפֿילו פֿון דער יידישער, בפֿרט פֿון די סאַמע לעצטע יאָרן. עס פֿאָדערט זיך נאָך אַ סך אַרבעט, דורכצוקוקן אָן אַ שיעור יידישע צײַטשריפֿטן, ביכער און בראָשורן, כּדי צונויפֿצושטעלן אַזאַ פֿולע צונאָבֿ-רשימה. זאָלן די דאָזיקע מילואים מײַנע זײַן אַ צושטײַער צו יענער אַרבעט, וואָס וועט נאָך דאַרפֿן אָפּגעטאָן ווערן, כּדי ממלא צו זײַן אויסשעפּיק דאָס לעבנסווערק פֿון שאול חיות ז״ל.

אָט איז דאָס ביסל מילואים (בײַ די נעמען וואָס איך בין משער אונטער די פּס״נ האָב איך געשטעלט איין פֿרעגצייכן, בײַ די וואָס איך האָב אין גאַנצן ניט געקענט דעשיפֿרירן — צוויי פֿרעגצייכנס):

אבינ״ל (לידער אין „ליטעראַטור און לעבן״ נ״י, 1915) — ??

אביחי״ל („דער נגב״—דערציילונג אין דער „יידישער אַרבעטער-שטימע״ וואַרשע 1929 1—2)—אָרלעאַן (ייִנגערער ברודער פֿון יהודה-לײב אָרלעאַן).

אב״ל („דער מלאך, איינע העכסט אינטערעסאַנטע געשיכטע״, לויט ל. נ. טאָלסטוי, זשיטאָמיר תּרמ״ד)—א. ל. ביסקאָ.

אבֿנר (אין דער „יודישער פֿאַמיליע״ 1902) — ??

אבֿנר העברעי (אין פּרצעס יום-טובֿ-בלעטלעך) — ??

אבק (בריוו פֿון פּאַריז אין „חשלח״ א״אַ)—אַבֿרהם אליעזר בערעזיניאַק.



אבראַמאָוו מ. (אין דעם אָרגאַן פֿון די פּ״צ-טעריטאָריאַליסטן „די אידישע ווירקליכקייט״ ווילנע 1906—7)—אַבֿרהם-אבא רובענטשיק (צי אידענטיש מיט אבראַמאָוו פֿון דעם זאַמלבוך פֿון די פּ״צ „די יוגענד-שטימע״ ווילנע 1908—„דער שטוטגאַרטער קאָנגרעס און די יודעפֿראַגע״) — ??

אבֿרבנאל (אין „יודישן קעמפּפֿער״ נ״י 1906—7)—ראובֿן אײַזלאַנד.

אבֿרהם („אידישע נאַציאָנאַל-צײַטונג״ לאָנדאָן 1891)—אפֿרים איש-כּישור.

אבֿרהם העברי („כּנסת ישראל אין צער״ ירושלים תּרע״א?) — ??

אבֿרהם-יעקבֿ העברי (אין דער העבר׳ פּרעסע פֿאַר דער מלחמה)—הרבֿ א. י. זשיטניק.

אבֿרהמי צבֿי — (אבראַמאָוויטש?) מיכאל פֿאַרבמאַן?

אבֿרהמל (הומאָריסטישע פֿערזן אין „דעם אשמדאי״ בערלין 1912, „יידישן קוריער״ שיקאַגע א״א)—אַבֿרהם מאַרגאָלין.

אבֿרהמל חקרן (אין „דער וועלט״ שיקאַגע 1917—18)—ד״ר א. ספּײַער (שפּירא).

א. ג. „דער פּראָצעס צווישן דעם מענשין, אונ׳ אַלע לעבענדיגע״ וואַרשע 1885 זז׳ 95 („ספֿר אגרות בעלי חיים״?)—??

א. ג. (אין פּרצעס יום-טובֿ-בלעטלעך) — ??

א. ג. (אין „הײַנט״—אַבֿרהם גאָלדבערג.

א. ד. (אין „פֿרײַנד״ 1911)—אײַזיק מאיר דעווענישסקי (א. ווײַטער).

אדירים ש. — די ברידער אבא און וואָלף גאָרדין.

אד״ם („דער שפּיגעל פֿאַר אַלע, פֿערשידענע מוסטערהאַפֿטע בילדער אויס דעם יידישן לעבען אין ריימען: י. ל. גאָרדאָן—1) געקראָפּטע ענדיקעס, 2) דער רבי מאָג, 3) די וואַרטענדע אויף חליצה. ד״ר קאַמינער—דער ליבעראַלישער גבֿיר. מ. ד. בראַנדשטאָדטער—תּחית המתים״. וואַ־שע תּרנ״ד) — ??

א. ד. נ. („דיא ברילן״ אָדעס 1867 זז׳ 18, מיט „עטליכע ווערטער צו דיא לעזער״, אַז די מעשׂה האָט ער „נאָכגעמאַכט אַ נאָוועללע פֿון דעם באַריהמטען יודישען דיכטער אין דײַטשלאַנד ה. קאָמפּערט... איבערגעאַרבייט און מעהר צוגעפּאַסט צו אונזערע פֿערהעלטניסע אין רוסלאַנד, אים גײַסט פֿון אונזערע היגע יידען...״) — ??

א. וו. (פּובליציסטישע נאָטיצן, דערהויפּט אויף יידישיסטישע טעמעס, אין „פֿרײַנד״ 1909) — יצחק-אײַזיק דעווענישסקי (א. ווײַטער).

אויגוסט בען (אין קאַליפֿאָרניער „יידישער שטימע״) — ב. אָגורסקי.

אולמאַן בערטע—(אין „מאָרגען זשורנאַל״ א״אַ)—איסר מוסעליעוויטש (תּלוש).

אומבאַקאַנטער (אין בונדישע אויסגאַבעס)—ברוך טשאַרני (ב. וולאַדעק).

אורריאל („די געגענווערטיגע אַרבעטער-פּאַרטייען״, „די ביוודזשעטען פֿון די הײַנטיגע מלוכות״—אין „דער פּראָלעטאַרישער וועלט״ ווילנע 1907)— ??

אחד העולים („ד״ר נתן בירנבוים ושיטתו החדשה״ ווין תּרע״ו) — טובֿיה הורוויץ.

אחיטובֿ („די פֿעדער״, „דאָס וואָרט״, נ״י 1924) — ??

**אחיד**—אבֿרהם חיים כץ (זע נאטאן מארק אין „יוואָ-בלעטער“ ב׳ VIII).

**א—יאלטי ה.** („בום און קריטן“, ראָמאַן, ווילנע 1935)—ה. קלענבאָרט.

**איגאָרעוו ב.** („די נײַע צײַט“ ווילנע 1908)—ב. אי. גאָלדמאַן ?

**אירזאַנאָוויטש ס**(טאַניסלאַוו) (אין „פֿאָרווערטס“)—שמעון שלמה פאָרטוגייז.

**איזבאַן שמואל** („מאסן“, ראָמאַן, 1929 א״א)—ש. איזביצקי.

**איזראַעלי א.** („דער הודש“. ווארשע 1921) — ??

**איטלין ה.** (אין „לעבן און ווויסנשאַפֿט“ ווילנע 1909—12) — שמואל הורוויץ (א. ליטווין) ?

**אײַבראַמס וויליאַב** („די ייִדישע ארבעטער-באַוועגונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון צפֿון-אַמעריקע“ 1930) — וועלוול-דוד אַבראַם.

**אײַזיקס חיים** („די ייִדן אין רומעניע“ אין „דער נײַער צײַט“ V)—??

**איסאַיעוו** (אין „דער נײַער שטימע“ 1911) —י. אײַזענשטאַדט (יודין) ?

**אילוני** (אין „דער יודישער וועלט“)—שמואל טשארני (ש. ניגער).

**איסאַקאָוויטש ד.** („אין ביכער-וועלט“ קיִעוו 1919) — דוד וואָלקענשטיין.

**איש יהודי** („דיא בשורה קדושה פֿון מתי אויף לשון קודש פֿון פּראָפֿעסאר פֿ. דעליטצש ז״ל מיט איין יידישען ביאור פֿון איש יהודי“ לייפציג תר״ס לפ״ק 1900 זז׳ 122)—??

**איש יהודי** (אין „דעם ווידערקול“ בוענאָס-אײַרעס 1898)—אבֿרהם ווערמאָנט ? (זע יעקבֿ באָטאָשאַנסקי „דאָס געדרוקטע ייִדישע וואָרט אין ארגענטינע“, זמ״ב „ארגענטינע“ 1938 ז׳ 68—אויך בלעם בן קורח פס״נ פֿון א. ווערמאָנט).

**איש עבֿרי** (אין „דער וועלט“ ווין 1900, 23)—??

**איש פלאי** (אין „יזרעאל“ פיאטרא י״ז שבֿט תרמ״ב)—אלעזר רוקח ?

**איש שדה ל.** (אין „דרום-אפֿריקע“)—לייבל פֿעלדמאַן ?

**אל—אָוו** (אין „דער נײַער שטימע“ ווילנע 1911)—??

**אלי אבֿיון** („ייִדישע קינדער — אַ בילד פֿונ׳ם ייִדישן לעבען“—אין אַ זאַפּטיקן ייִדיש, פֿ׳ „עזרא“ באַרדיטשעוו 1898 זז׳ 64. אויף ווי־פֿיל משה קליינמאַן, דער פֿאַרלעגער, קען זיך דערמאָנען –) — אווין ?.

**אלטער אלטמאַן** (אין „לעבנס-פֿראַגען“ ווארשע 1916)—??

**אלטער באַקאַנטער, אַן** (אין דער בונדישער אומלעגאַלער און לעגאַלער פּרעסע)—יצחק פסחזאָן (אויך איסאַק, מאָטעלע, דוד וואַננער,—ראָן).—(אין „ווילנער טאָג“—זלמן רייזען).

**אלטער ציוניסט, דער** (בריוו פֿון א״י אין „יוד“ 1900)—מנשה מאיראָוויטש? (ווי עס איז צו דרינגען פֿון זײַנע אַנדערע פּס״נ: ,Старый Палестинец מזקני הישובֿ, וואָס פֿעלן בײַ היוחן, דאָס גלײַכן זײַנע פּס״נ בן צבֿי, ראשוני).

**אלטער סאָציאַליסט, אַן** („די שפּאַלטונג פֿון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקאַ“ אין „ייִדיש-אַמעריקאַנישן פֿאָלקס-קאַלענדער“ VI פֿון אַלעקסאַנדער האַרקאַווי נ״י תרנ״ה; זע מ. שטאַרקמאַן „פּנקס“ פֿון אַמאָפּטייל 1929, 92)—??

**אלעקסאַנדער** (אין בונדישע אויסגאַבעס)—באָריס פֿרומקין (ב. יעלין?).



**אליפר** (אויך אלף, פניאל אין דער העברעיִשער פּרעסע זינט 1880)—אליהו פֿרידמאַן (שפּעטער ארויסגעבער פֿון „הצפֿה“).

**אלמוני בן ציון** („ווײַטן“, לידער, ווילנע 1922) — יצחק אײַזיק מאַכטיי.

**אלקוויט ב.** („וועגן צוויי און אנדערע“ לידער נ״י 1931)—אליעזר בלום.

**א. מ. ע. ש. ה.** („איינינע אנעקדאָטען פֿון דעם בארימטען שוט באלאַקיראָוו“ ווארשע תרל״ט זז׳ 37, „דער שרעקליכער עלילת דם“ לובלין תר״מ זז׳ 18+38)— מ. עפּשטיין.

**אמתי** (ארץ-ישׂראל-בריוו אין „פֿרײַנד“ 1904) — ??

**אני** („איין טאָג פלאָצקער סוחר“ 1912) — יצחק טובֿיה אלטמאַן.

**מ. אניוטין** (אין די אויסגאַבעס פֿון די פּ״צ)—מ. יארבלום.

**אנין נ.** (אין „וועקער“)—אײַזיק דעווענישסקי (א. ווײַטער).

**אסתר** (נאָוועלעס אין „יידישן פֿאָלקס-קאַלענדאר תרנ״ו“ לעמבערג) — מרדכי עהרענפּרײַז (אויפֿן נאָמען פֿון זײַן פֿרוי אסתר).

**אָסקאַר** (פֿעליעטאָנען אין מאָסקווער „עמעס“) — א. סטרעליץ.

**אָפּאָטשנער פרץ** („נע-ונד“ לאָדזש 1933)—פּ. אָפּאָטשינסקי.

**אפ״ד** (איבערגעזעצט „תולדות רש״י“ ווארשע תר״ם זז׳ 10, „דער חמעצדיקער ברכו אָדער דיא נײַן טעג פסח, א פּראָגער געשיכטע“ ווארשע תר״מ זז׳ 13—(זאָל ער זײַן אידענטיש מיט 718 אפ״ד—אליעזר דוד פֿינקעל? זע לעקסיקאָן III)—??

**אפ״ס** („גרונעלע דיא רעבעצין“ ווילנע תרל״ד ז׳ 48, „אשת חיל—סאַטירישע ערצעהלונג“ אײַדעטקוהנען 1873, „דיא צווייטע חוה אדער שם טובֿ“ ווילנע 1872) — פּ. סובאָצקי.

**אפּראַנעל** (אין זאַמלבוך „אין זיך“ 1920)—מ. אפֿרימזאָן ?

**אפֿרים** („מאַלער“ אין „דער וועלט“ שיקאַגע 1917—18)—א. באָרנשטיין.

**אפֿרתי** (אויך וו. מ. אפֿרים, אין „ליכט“ יאַס 1915)—אפֿרים יוסף וואַלדמאַן.

**א. צ. מ.** („דער קייזער אין וואַלד... איבערזעצט פֿון רוסישע שפּראַכע אויף אידעש דײַטש“ ווילנע 1877 זז׳ 32) — ??

**A. R.** (בריוו פֿון פּאַריז אין „דער וועלט“ ווין 1900) — ??

**א—ר, א—ר מ.** (אין בונדישע אויסגאַבעס)—מלכה ליפשיץ (אסתר, מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ פֿרומקין).

**אראָנאָוו א.** („די פּרינציפּן פֿון פּראָלעטארישן ציוניזם“)—א. ארשאַווסקי (אדאָלף. זע „ייִדישער ארבעטער-פּנקס“ ז׳ 76).

**אראָנסאָן** (אַ נײַער קריטיקער פֿון „בונד“ אין „צוקונפֿט“ 1904) — ארקאַדי קרעמער ?.

**ארבעים ואחד** („אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון פּראָווינציע אָדער דיא צואה פֿון רבי משה אריה׳ס איינע מאָראַליש קריטישע ערציילונג“ ארויסגעגעבן אפֿרים דיינאַרד פּרעס 1884)—ג. ה. לעהנער (נחל).

**אר״ז** („ר׳ תנחום דער מקבל. איינינע נײַע ייִדישע פֿאָלקס-ליעדער, אויס דער פּאַנאָראַמאַ דעס רוסיש-פּאָלנישען יודישען לעבענס“ יאַס 1883 זז׳ 16) — ??

אריס ב. ווארשע („לעבנס-פֿראַגען 1916) — (באָריס ?) ??

ארסקי אַ. („די מלחמה און דער ייִדישער ארבייטער אין פּאַלעסטינע" מאָסקווע—קיִעוו—אָדעס 1918) — ל. בערלינרוויט.

ארץ-ישׂראל-ייִד (בריוו פֿון ירושלים אין „פֿרייַנד" 1903 א"ו, אין „יוד" פֿאָלק" ווילנע 1906) — מנשה מאיראָוויטש ?

א. ש. („די נאָדעל" ווילנע 1912) — ??

אשר (מיטארויסגעבער פֿון „פֿרייַנד" — פּט"ב 1903—8) — אַלעקסאַנדער שבתי ראַפּאָפּאָרט.

באַניש זישע („לערנט ליב צו האָבן ס'לעבן. לידער און פּלאַקאַטן" בריסל 1935 א"א) — באָריס (ברוך מתתיהו) ווייַסמאַן („שאָטנדיקע שויבן", אין שטויביקן וואַנדל. לידער" אַנטווערפּן 1931).

באַטקע (מיט פּראָפֿ' פֿ. שניאורסאָן „די כאַראַקטעראָלאָגיע פֿון שלאָף-לעבן בייַ קינדער", ווארשע 1936) — מאָטל גילינסקי.

באָנציע שווייַנס אייניקל (אין „פֿאָלקסצייטונג", „האָפֿנונג" 1906) — ברוך טשארני (ב. וולאַדעק, אויך מאָיסיי ווילנער, B-ch אין „דער נייַער צייַט" ווילנע 1908—9).

באַקאַנטער ייִד, אַ (בריוו פֿון ווילנע אין „דער וועלט" ווין 1900) — ??

באַראַבאַן מ. (בר-רבן מ.) (היסטאָרישע אַרטיקלען אין „אונדזער עקספּרעס" ווארשע) — מנשה אונגער.

באָריסאָוו (אין די אויסגאַבעס פֿון די סיימיסטן) — מאַרק באָריסאָוויטש ראַטנער.

באַשעוויס י. („דער שׂטן פֿון גאָריי" ווארשע 1935 א"א) — יצחק זינגער.

G. B. (עקאָנאָמישע אַרטיקלען אין "פֿרייַנד" 1904) — ד"ר חיים-דובֿ הורוויץ ?

ב. וו. („הונדערט און צוואַנציג ביליאָן" אַרויסגעגעבן פֿון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציאָנס-ביוראָ נ"י) — ברוך טשארני (זע „ב. וולאַדעק אין לעבן און שאַפֿן, רעדאַקטירט פֿון יעפֿים ישורין" נ"י 1936).

בוף („כאַצקעלע כל-בוניק" אָפּערעטע אין 4 אַ' כאַרקאָוו 1918) — ל. בוימוואָל.

ב. ח. (אין „דער אידישער ווירקליכקייט" ווילנע 1906—7) — ??

ב. י.=בן ישׂראל (אין „דעם ייִדישן קאָלאָניסט", קאָלאָניע קלאַראַ, אַרגענטינע 1909) — מרדכי אַלפּערסאָן.

ב—ן אַ.—(„ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיע", ווארשע תרס"ו, ז' 16) — ??

בן-אבֿצן („אַ געשפּרעך צווישן צוויי ווייַבער איבער שלום-עליכם" אין „יודישן פֿאָלקסבלאַט" 1887, לידער דאָרט 19, 24, 25, 29) — ??

בן-אהרן (אין „טעגל' איד' אַדווערטייזער" לאָנדאָן 1904—5, אין „דער ייִדישער פֿרייַהייט" לאָנדאָן 1905) — ש. אַראָנסאָן.

בן-אלחנן („פּיפּיפּאָקס" לאָנדאָן 1899—1900) — חיים ראַבינאָוויטש.

בן-ארי (קאָרעספּאָנדענט פֿון מאָסקווע, פּססר, אין „מאָרגן-זשורנאַל" נ"י, נאָך דעם ווי ליכטמאַן, קרופּניק און יאַקיר האָבן געמוזט איבערייַסן זייער פֿאַרבינדונג מיט דער צייַטונג) — ??



בן-ברית (אין בונדישע אויסגאַבעס) — יוסף איזביצקי (ביינוש מיכאַלעוויטש, אויך ב. מ., יא—קי, מיכאַיל, דער זעלבער, אַ גראָער).

בן-דוד (אויף וואָס דאַרפֿן מיר לערנען ייִדישע געשיכטע" ווארשע 1902, זז' 18) — כהן ?

בן-דוד (אין „אידישן קעמפּפֿער" 1907) — בער אבערסאָן (1866—1929).

בן-דוד א. — אבֿרהם קירזשניץ (א. באַבראָווסקי, אַלעף, ח. לייבע, א. ב. ראָם).

בן-הדור (רומעניש-ייִדישער שרייַבער) — מ. פֿ. גרינבערג (סימאָן שמידט).

בן-יוסף („בריוו פֿון אָדעס" אין „דער וועלט" ווין 1901, 11) — ??

בן-חופש (אין „פֿרייַנד" און אין העברעיִשע צייַטשריפֿטן) — צבֿי הירשקאַן.

בן-יעקבֿ (דערצ' „די ערטרונקענע" אין פּאַריזער „התקוה" 1895) — לעווינזאָן ? (זע ז. שייַקאָווסקי, „די ייִדישע פּרעסע אין פֿראַנקרייַך" אין פּאַריזער „פֿרייַער פּרעסע").

בן-יעקבֿ (רעדאַקטאָר פֿון דער ייִטאַ, ווארשע) — מענדל מאָזעס.

בן-יצחק („היינריך היינע" אין „דער וועלט" ווין 1900, 3) — ??

בן ישי מ. (אין חודש-זשורנאַל „דאָס נייַע וואָרט" יאָהאַנעסבורג 1916) — ??

בן-ישׂראל א. ה. („די צווייַגן" ווארשע 1909, זז' 68) — ??

בן-מנחם (שיר אין „דער וועלט" ווין 1900, 6) — ??

בן-עוזיאל (אלצפֿן) („דער באַנינען פֿון דער ערשטער-באַוועגונג" אין „ווירטשאַפֿט און לעבן") — ??

בן-עמרם („פֿריילעכער טאַשענבוך", פֿ' ר. מאַזין לאָנדאָן, זז' 39) — ??

בן-פּרץ (אין ה. עפּעלבערגס „ווארשעווער קאַלענדאַר" תרנה—ו) — יוסף ווייַנשטיין (קעשעניעוו).

בן-צבֿי (לייטאַרטיקלען אין „אונזער לעבען") — נח פּרילוצקי.

בן-צבֿי (טעאַטער-שטיק) — יוליוס אַדלער.

בן-קאָווגא („דער גרענד-פֿירער" א"א אין „קול לעם" 26 אָקט' 1877 א"וו) — מ. נעוואַכאָוויטש (מאָריס ווינטשעווסקי).

בן-קיש (אין „דער אידישער ווירקליכקייט" ווילנע 1906—7) — שאול סטופּניצקי.

בן-שמאי (אין „דער פֿאָלקסשטימע" באַרדיטשעוו 1913) — ל. וואָלמאַן.

בע"ז („שייקע פֿייַפֿער אָדער דער באַרימטער וויצלינג..." ווארשע 1893, זז' 32; „דער מאָדע אוסטאַוו אָדער דער קורס פֿיר אַריסטאָקראַטין אונ דאַמען... הערויסגעגעבן פֿון בע"ז — מחבר פֿון דעם נייַען זורנאַל", ווארשע 1894, ז' 44) — ??

בעל-החלומות (אין „האחדות") — בן גוריון.

בעל-נפֿש (אין „פּראָלעטאַרישן געדאַנק" — „פֿאָרווערטס" 1907) — שלמה שולמאַן.

בעלקא א. (אין אַ. רייזענס „נייַעם זשורנאַל" א"א) — אבֿרהם וועוויאָרקאַ.

בערנמאַן א. ש. („די ליעבע פֿון אַ פּרימאַדאָנע, ראָמאַן פֿון הייַנטיקן קינסטלער-לעבן" אין „טאָג" נ"י 1924) — ??

בערלין מ. (אין „ביכערוועלט" קיִעוו 1919) — ??

בערנאַרד ברוך („יהודה תּכיס העלדן-לעבן" נ"י 1933) — ברך גרינבערג.

ב. ק. (אין „דאָס נייַע לאַנד" נ"י 1912 — 13 א"א) — אבֿרהם רייזען (בן-קלמן).

ב—ר (בריוו פֿון גאַליציע אין „דער וועלט" ווין) — ג. באַדער ?

**בראנזהוילער סטאליער** („הובל-שפענער“ נ״י 1933) — בערנאַרד גרינפעלד.

**בר-לבא** (לידער און הומאָרעסקעס אין „טאָגבלאַט“ לעמבערג 1908) — אָשר באַראַש.

**בר-גליא אישטז** (איבערז׳ פון ד״ר פיליפזאָנס ראָמאַן „רבי אברהם און תולדה“ אין „יוד׳ פאָלקסבלאַט“ ביילאַגע פון נומ׳ 12 אָן) — גבריאל ראַוויטש.

**ברונא גבריאל** (אין „דער וועלט“ שיקאַגע 1917 — 18) — זעליק העלער.

**בר-כוכבא** („דער פוטער אָדער דער פעלק מיט די פאַלעריגע, איין ערצאהלונג“ ווילנע תרנ״ז — אַ פאָלקס-סאַטירע קעגן לוקסוס), אַפשר אידענטיש מיט

**בר-כוכבא ש.** („נייע אמעריקאַנישע הגדה“ ווילנע 1900) — ??

**בר-קמחי** (אין „צוקונפט“ נ״י 1913) — ??

**בע-בע** (אין „דער נייער וועלט“ וואַרשע 1909 נ׳ 1) — משה יוסטמאַן.

**בעל-יאוש** (אין „ראָמאַן-צייטונג“, „היינט“) — משה יוסטמאַן (ב. יאושזאָן).

**בעל-יסורים, בעל-ספרים** („דער יודישער וועקער“ סטאַניסלאַוו 1910) — אלעזר רוקח.

**בת-ישראל** („חיימקע און איציק“, אַ געשפרעך צווישן אַ פרומען ייִדן און אַן אפיקורס, פאַריז 1908 זז׳ 16) — ??

**בת-מלכה** („דאָס פידעלע — אַ בילד פון איין אדעסער הויף“ אין זמ״ב „דאָס הייליגע לאַנד“ — פרוי זאַמאָשטשין (זע ראובן בראַנאָווסקי אין „פנקס“ נ״י I 146.)

**בת-קול** (לאָנדאָנער קאָרעספאָנדענט פון „פריינד“) — לייזעראָוויטש (זאָל האָבן אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן אַ יידישע צייטונג).

**ג.** („זמר לשמחת תורה“ אין „יוד׳ פאָלקסבלאַט“ 1881) — יהודה-לייב גאָרדאָן.

**גאָטליעב ל.** (צייטונגס-ראָמאַן אין „היינט“) — א. ל. יאַקובאָוויטש.

**גאָלדבערג אברהם** (רעצענזיע אויף חמ״ק — חיים מאַליק — אין „יוד׳ פאָלקסבלאַט“ 1889, 28) — דוד פרישמאַן ?

**גאָלדהוין א.** (איבערז׳ פון איבסענס „דער בוימייסטער“ נ״י 1909) — ??

**גאָלדין רחל** (אין „פאָרווערטס“ ווילנע 1907) — רחל מאירסאָן (ינאית).

**גאַמלען ל.** (רעצענזיע אויף י. בלייכערס איבערזעצונג פון בייראָנס „הימל און ערד“ אין „ביכער-וועלט“ קיעוו 1919, 2—3) — ??

**גאָר בנימין** („מויערן“, לידער, בריסל 1926) — ב. גאָרעלאָוו.

**גאָרזדער** (היסטאָרישע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס“) — חיים שויס.

